אַריִעלאַ קראַסני

# בדחנים–לידער ווי אַ זשאַנער אין דער ייִדישער פֿאָלקסטימלעכע ליטעראַטור [דאָקטאָראַט, בר–אילאַן אוניווערסיטעט, ראַמאַט–גן, 1993] באַטקהאָניִמ סאָנגס אַס אַ ליִטעראַרי גענרע יִנ עוִיסה פּאָפּוּלאַר ליִטעראַטוּרע

## קורצער אינהאַלט

דער ייִדישער בדחן–לץ, אַ פֿרײַע געשטאַלט אין זײַן תּוך, האָט געוואַנדערט אין מיטלעלטער אין די וועגן צוזאַמען מיט אַנדערע קינסטלער פֿון אַנדערע פֿעלקער. ער האָט ניט אָנגענומען די ראָמען פֿון געזעלשאַפֿטלעכע אָדער רעליגיעזע נאָרמעס, און אַ סך פֿון זײַנע כאַראַקטעריזירונגען זענען געווען קאַרנאַוואַלע.

זײַענדיק אַ שטיקל תּרתּי–דסתּרי קינסטלער, איז ער באַווירקט געוואָרן פֿון די מנהגים און לעבנסשטייגער פֿון דער קריסטלעכער סבֿיבֿה און האָט מיטגעבראַכט אינעם ייִדישן געטאָ פֿרעמדע עלעמענטן. די דאָזיקע עפֿענונג פֿון אַ פֿענצטער אין דער קריסטלעכער וועלט האָט אַרײַנגעבראַכט אַ כוואַליע פֿון פֿרעמדע וועלטלעכע שאַפֿונגען אין דער ייִדישער גאַס.

ס׳איז ניט קיין ווּנדער, אַז די גײַסטיקע אָנפֿירער האָבן געפֿירט אַ קאַמף קעגן דעם בדחן–לץ און געפּרוּווט אים שטערן, אָבער ניט מצליח געווען. די דײַטשישע לצים, די ״נאַרן,״ האָבן געווירקט אויף די ייִדישע לצים סײַ לגבי

אויסערלעכע עפֿעקטן ווי קליידונג אָדער צעטיילונג אויף גרופּעס (16טן יאָרהונדערט), סײַ לגבי דעם כאַראַקטער פֿון זייערע פֿאָרשטעלונגען – די פֿאַרסעס.

דער באַרימטער קלאַון "אַרלעקינאָ" פֿון דער "קאָמעדיע דעל'אַרטע" האָט געפֿונען זײַן וועג צום "פּורים-שפּיל." ער איז משפּיִע געווען אויפֿן בדחן-לץ וואָס האָט זיך אַנטוויקלט פֿון אַן אינדיווידועלער געשטאַלט, וואָס איר פֿרײַהייט איז צײַטנווײַז געווען אויף דער גרענעץ פֿון הפֿקר, אין אַ טייאַטראַלער געשטאַלט מיט אַ קאָמישער פֿונקציע און אייגנשאַפֿטן פֿון אימפּראָוויזאַציע.

זײַענדיק אַ צוהערער צו די וויבראַציעס און קולטורעלע אַנטוויקלונגען און אָפֿן צו ענדערונגען, איז דער בדחן-לץ אַריבער גילגולים און ענדערונגען צופּאַסנדיק זיך צו די באַדינגונגען און גורמים. אַזוי איז ער באַײַנפֿלוסט געוואָרן פֿון דער רעוואָלוציע, וואָס די רענעסאַנס-באַוועגונג האָט געשאַפֿן, פּונקט ווי זי האָט באַײַנפֿלוסט די ייִדישע געזעלשאַפֿט און די קריסטלעכע.

די באַוועגונג פֿון הומאַניזם האָט באַפֿרײַט דעם מענטשן פֿון דער קירך, אים געשטעלט אינעם צענטער פֿון דער וועלט און געעפֿנט פֿאַר אים אַלע קולטורעלע ראָמען.

דאָס קירכלעכע טייאַטער, וואָס זײַן רעפּערטואַר איז געווען אַ רעליגיִעז-דידאַקטישער, האָט זיך געענדערט און אויף זײַן בינע האָבן אָנגעהויבן צו דערשײַנען פֿרײַע,

תנחישע פּיעסעס.

אין פֿוסטריט פֿון די דאָזיקע ענדערונגען האָבן זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען פֿאַרשיידענע סאָרטן "פּורים־שפּילן," און אויף אַ פּאַראַלעלן אופֿן האָט זיך אַנטוויקלט דער בדחן־לץ ווי אַ קאָמישע געשטאַלט – "קאָמישע פּערזאָן." די דאָזיקע לצישע געשטאַלט האָט אַדאַפּטירט כאַראַקטעריזירונגען פֿון פֿאַרשיידענע לצים, אפילו אויב זיי זענען געקומען פֿון אַ סבֿיבֿה, אין וועלכער אירע נאָרמעס זענען געווען פֿרעמד לגבי דער געשטאַלט. אינעם 16טן יאָרהונדערט האָבן אָנגעהויבן משפּיע צו זײַן נײַע גײַסטיקע כּוחות אויף דער ייִדישער געזעלשאַפֿט, וואָס האָבן באַאײַנפֿלוסט דאָס ייִדנטום ביזן סוף 19טן יאָרהונדערט. דער בדחן־לץ האָט זיך צוגעפּאַסט צו די נײַע באַדינגונגען, אָבער ניט געענדערט זײַן אידענטיפֿיקאַציע. דער פּראָצעס פֿון זײַן קריסטאַליזירונג איס אָנגעקומען צו דער ענדגילטיקער פֿאָרם אין 19טן יאָרהונדערט ווי אַן אַמביוואַלענטע געשטאַלט – בדחן און לץ: איר ערשטע העלפֿט – אַ לומדישע ערנסט־מגידישע געשטאַלט, און איר צווייטע העלפֿט – אַ לעכערלעכע, לײַכטזיניקע און פֿאַרווײַלערישע געשטאַלט.

מיר גלויבן אַז בדחנים־לידער זענען אַן עקסקלוזיווער זשאַנער אין דער ייִדישער פֿאָלקס־ליטעראַטור, און מיר ווילן באַווײַזן אונדזער מיינונג דורך באַציונגען צו פֿיר תּחומים:

אַ.  מיר האָבן איבערגעקוקט פֿאַרשיידענע טעאָריעס פֿון געלעכטער כּדי צו פֿאָרשן דעם מהות פֿון בדחנישן געלעכטער, און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס געלעכטער פֿון אַ בדחן איז צוזאַמענגעשטעלט, פּונקט ווי זײַן געשטאַלט, פֿון פֿאַרשיידענע עלעמענטן און אַלערליי אַספּעקטן, וועלכע זענען געפֿירט אין צוויי וועגן, וואָס שפּיגלען אָפּ זײַן מהות: 1. דער לצישער וועג, וואָס כאַראַקטעריזירט דאָס געלעכטער ווי אַ קאַרנאַוואַלע, כאַאָטישע און פֿאַרדאָרבענע געלעכטער, וואָס זײַנע וואָרצלען שטאַמען פֿון דיִאַניסישן קולט, און וואָס ס׳איז פֿאַראַן אין אים אַ באַגער צו צעטרייסלען דעם געזעלשאַפֿטלעכן סדר און זײַנע געזעצן. 2. דער ערנסט־לומדישער וועג, וואָס כאַראַקטעריזירט דאָס געלעכטער ווי אַ קאָנסטרוקטיווער פֿאַקטאָר וואָס שטראָמט צוזאַמען מיט די אָרגאַניזירטע און סטאַבילע סיסטעמען פֿון די מצוות.

ב.  פֿאָרשונג פֿון די קינסטלערישע קאָמפּאָנענטן אין די בדחנים־לידער האָט געוויזן, אַז די פּאָעטיק פֿון די לידער איז אַן עקסקלוזיווע אין די ראָמען פֿון דער פֿאָלקס־ליטעראַטור.

איר בולט—סטע כאַראַקטעריזירונג איז דער שפּראַכלעכער אויסדרוק, וואָס איז אַ ספּעציעלער אין זײַן געוווענלעכקייט. די דאָזיקע שפּראַך איז בדרך־כּלל ניט אַנדערש אין איר ניווע פֿון דער וואָכעדיקער שפּראַך פֿון ״עמך.״ אַ צוגאַבלעכע כאַראַקטעריסטיק איז דער עלעמענט פֿון לשון־קודש. מען קאָן דערקענען

אין פֿאַרשיידענע שטאַפּלען פֿון באַציונג צום עלעמענט – ווען דער סטיל ווערט געמיינער, ווערט פֿאַראָרעמט די צאָל פֿון פּסוקים, און זייער שפּראַך ווערט דעפֿאָרמירט. צווישן די פּראָזאָדישע דערשײַנונגען איז דער גראַם דער פֿאַרשפּרייטסטער עלעמענט און אין אים איז פֿאַראַן אַ קלאַנג-איבערחזרונג, וועלכע עקזיסטירט צוליב דעם געזעץ פֿונעם ווערטער-שפּיל, און וועלכע איז שײַך צו די כּללים פֿון געהער, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן קינסטלער, וואָס טרעט אַרויס אויף אַ מינדלעכן אויפֿן.

צ. דער בדחן ווי אַן "איך," וואָס האָט זײַנע איבערצײַגונגען, אידענטיפּיצירט זיך מיט זײַן פֿונקציע ווי אַן אַקטיאָר, נאָר ווען זי דינט ווי אַ פֿונדאַמענט צו רעאַליזירן זײַנע הויפּט-צילן.

וואָס איז שײַך די באַציונגען בדחן-פּובליקום – זענען סײַ דער בדחן-אַקטיאָר, סײַ זײַן פּובליקום אַקטיווע גורמים אין דעם קינסטלערישן צונויפּטרעף. זיי זענען אָפּהענגיק איינער פֿונעם צווייטן, שאַפֿנדיק אַ שעפֿערישן קרײַז און געבנדיק די שעפֿערישע שפּײַז איינער דעם צווייטן דורך דעם טייאַטראַלער ענערגיע. דעריבער זענען דער פֿאַרשטאַנד פֿון פּובליקום, זײַנע באַדערפֿענישן, זײַנע שטימונגען, זײַנע צילן און זײַן נאַטור ניט ווייניקער וויכטיק ווי זײַן באַקאַנט מיט די קינסטלערישע פּרינציפּן און טעכנישע פּראָצעסן.

ד. פֿון
פֿאָרשן די ניט-שפּראַכלעכע קאָמוניקאַטיווע מיטלען

(בדחן–פּובליקום) – מימיק, מוזיק, פֿאַרמאַסקירונג און גרימירונג – האָבן מיר געלערנט, אַז די דאָזיקע מיטלען זענען סיסטעמען פֿון סימנים, וועלכע פֿאַרבינדן צווישן דעם פּובליקום און דער שאַפֿונג. זיי זענען ניט ווייניקער וויכטיק פֿון די שפּראַכלעכע מיטלען.

דער בדחן דאַרף הערשן איבער אַלע אַספּעקטן און זײַן גרייט זיך צו באַנוצן מיט זיי אויף דער בינע. ער דאַרף זיך רעכענען מיט די וויזועלע קאָמפּאָנענטן למשל קליידונג און מאַסקעס, מימיק און באַוועגונגען. דערפֿאַר האָבן מיר טאַקע געפֿונען אַ סך בדחנים, וועלכע האָבן גענוצט די דאָזיקע מיטלען כּדי אַריבערצופֿירן נײַע מאַטעריאַלן צו זייער פּובליקום. וויבאַלד דער פֿאַרווײַלער איז מקוים בדרך–כּלל אַ דירעקטע פֿאַרבינדונג מיטן פּובליקום, רעדט צו אים און שטעלט פֿאָר ספּעציעל פֿאַר אים – זענען די ווערטער זייער וויכטיק, די אינטאָנאַציע, די זשעסטן, די הוויה און די מוזיק – דאָס אַלץ שטעלט צונויף אַ האַרמאָנישע שפּראַך, וועלכע באַנוצט דער בדחן–לץ און דע אַנדערע בינע–אַקטיאָרן ווי אַ טייאַטראַלער מעדיום.

קורצער אינהאַלט

אַרײַנפֿיר 1 – 6

קאַפּיטל איינס: געלעכטער אין לידער פֿון בדחנים אין שײַכות צו פֿאַרשיידענע טעאָריעס אויף דער טעמע.

1. וואָס איז געלעכטער

אַ. דער כאַראַקטער פֿון געלעכטער8............................
– 13 ב. די קאָמישע עפֿעקטן14....................................
– 19 צ. דאָס געלעכטער פֿון בדחן20...............................
– 28

2. קאָמיזם ווי אַ דיִאַניסישער עלעמענט

אַ. דער קאַרנאַוואַל ווי אַ צענטראַלע דערשײַנונג אין דער קאָמישער וועלט29........................ – 33 ב. די פֿאַרבינדונג צווישן קולט און טעאַטער אין דער אייראָפּעיִשער קולטור34........................ – 40 צ. די פֿאַרבינדונג צווישן קולט און טעאַטער אין דער ייִדישער מסורה41......................... – 45

3. די געשטאַלט פֿון קאָמישן קינסטלער

אַ. כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפֿטן46............................
– 50 ב. זײַן אָרט אין דער געזעלשאַפֿט51............................ – 56 צ. דער בדחן אין קאָמישער געשטאַלט57........................ – 63

4. דער געזעלשאַפֿטלעך–קולטורעלער צוזאַמענהאַנג פֿון געלעכטער
אַ. דאָס געלעכטער ווי אַ געזעלשאַפֿטלעכער דערשײַנונג64............................................ – 70 ב. די געזעלשאַפֿטלעכע פֿונקציעס

פֿון געלעכטער71.............................................. – 75
צ. דער ערנסט–לעכערלעכער בדחן אין צענטער פֿון צײַט–געזעלשאַפֿטלעכע געשענישן76............................................... – 84

קאַפּיטל צוויי: די לידער פֿון בדחנים ווי אַ ייִדישע עקסקלוזיווע דערשײַנונג – אַ רעזולטאַט פֿון דער צײַט

1. די וואָרצלען פֿון בדחן–לץ
אַ. אין ייִדישע מקורים86.................................... – 93
ב. די מעטאַמאָרפֿאָזע פֿון געשטאַלט אין פֿאַרשיידענע פֿאָרמען, אין פֿאַרשיידענע לענדער און אין פֿאַרשיידענע נעמען94........................... – 104

2. די קריסטאַליזירונג פֿון דער בדחן– געשטאַלט דורך: אַ. אויסערלעכע פֿאַקטאָרן – קריסטלעכע השפּעות105................................................ – 114 ב. אינערלעכע פֿאַקטאָרן – די תּקופֿע פֿון מוסר און דער בלי פֿון מוסר–ספֿרים115....................... – 125

3. די פּאָעזיע פֿון בדחנים וואַקסט אַרויס פֿונעם פֿאָלק; די אינטעלעקטואַלע מיוכסים באַציִען זיך צו איר ווי צו אַ נידעריקער שאַפֿונג און דערווײַטערן זי פֿון זיך126....................... – 135

4. פּאָעזיע פֿון בדחנים ווי אַ נײַיִווע פּאָעזיע; אירע אינהאַלטן שפּיגלען אָפּ דאָס לעבן פֿון "עמך" – אַקטואַליע, מנהגים, וכדומה136............... – 146

5. די השפּעה פֿון דער ״קאָמעדיע דעל׳אַרטע״ אויף פֿאַרשיידענע עלעמענטן אין די בדחנים-לידער147......... – 156

## קאַפּיטל דרײַ: דער בדחן ווי אַ פּיל-שיכטיקע געשטאַלט

1. פֿון דער קאַרנאַוואַלער חוזק-געשטאַלט ביז דער ערנסט-למדנישער געשטאַלט פֿונעם בדחן אַ. פּורים-שפּיל158............................................ – 165 ב. חתונות166............................................. – 173

2. דער בדחן ווי אַן אָנפֿירער פֿון חתונה– צערעמאָניעס – אַ תּלמיד-חכם, וואָס איז אַ בקי אין הלכות, מנהגים און מוסר-ספֿרים174........... – 187

3. דער בדחן ווי אַ מחבר פֿון פּאָפּולערער פּאָעזיע, וואָס שפּיגלט אָפּ די באַדערפֿענישן פֿון זײַנע לייענער: ווי אַ געזעלשאַפֿטלעכער קריטיקער און ווי אַ קוואַל פֿון אינפֿאָרמאַציע און נײַס188................................ – 199

4. דער בדחן ווי אַ טרובאַדאָר און אַקטיאָר, וואָס שטעלט פֿאָר זײַנע שאַפֿונגען אין ווײַן-קעלערס – אַ פּאָפּולערער פֿאַרווײַלער100..................... – 216

5. דער בדחן ווי אַ פֿאָלקס-זינגער, וואָס דריקט אויס זײַן קונסט דורך צוויי פֿונקציעס – זינגען און זאָגן217.............................. – 234

6. די לידער פֿון בדחן ווי בשׂורה–אָנזאָגער פֿון פֿאָלקסטימלעכן טעאַטער226.................................. – 234

קאַפּיטל פֿיר: די באַציונגען קינסטלער–פּובליקום פֿון בדחן

1. דאָס ״איך״ פֿון בדחן, וואָס האָט זײַנע אייגענע איבערצײַגונגען און וואָס ניט תּמיד אידענטיפֿיצירט זיך מיט זײַנע צילן236.................. – 245

2. דער בדחן וואָס טראָגט אַ מאַסקע246................................ – 253

3. דער בדחן ווי אַ דירעקטער צוזאַמענבינדער צווישן דעם פּובליקום און דער שאַפֿונג254............................................ – 263

4. די אָפּווישונג פֿון דער מחיצה צווישן בדחן און פּובליקום264......................................... – 272

5. דער פּובליקום ווי אַן אַקטיווער גורם אינעם צונויפֿטרעף, ווי אַ שותּף פֿונעם בדחן אין זײַן שאַפֿונג און ווי אַ טייל פֿון שאַפֿונגס–קרײַז, וואָס דערמעגלעכט דער טייאַטראַלער ענערגיע צו שטראָמען273........................ – 280

קאַפּיטל פֿינף: קינסטלערישע קאָמפּאָנענטן אין די

## לידער פֿון בדחנים

1. פּאָעטיק פֿון בדחנים־לידער אין פֿאַרבינדונג מיט דער פֿאָלקסטימלעכער ליטעראַטור................282 – 288

2. קאָנווענציעס אַ. צענטראַלע טעמע – די חתונה און אירע צערעמאָניעס............289 – 294 ב. די אויסניצונג פֿון די זעלבע טעמעס: געזעלשאַפֿטלעכע היפּאָקריזע, מאָדערניזאַציע, די קהלישע־טוער־רויבער וכדומה.........295 – 302 צ. מוזיק צוגעפּאַסט צום טעקסט................................303 – 307

3. אימפּראָוויזאַציע ווי אַ וויכטיקער עלעמענט אין דער בדחנים־פּאָעזיע............................308 – 315

4. דיגלאָסיע און אירע ווערטן – דאָס וואָכעדיקע ייִדיש אײַנגעפֿלאָכטן אין לשון־קודש.............316 – 327

5. פּראָזאָדישע דערשײַנונגען..................................328 – 345

ביבליִאָגראַפֿיע

קורצער אינהאַלט אויף העברעיִש

תּוכן ענינים אויף העברעיִש

קורצער אינהאַלט אויף ענגליש

תּוכן ענינים אויף ענגליש